**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שיקט נאך הילפסמיטלען צו העלפן האריקעין העלענע ערהוילונג**

***ניו יארק ארמיי נאציאנאלע גאורד שיקט 20 ענדזשינעיר סאלדאטן צו דרום קאראליינע***

***17 שטיקער פון שווערע געצייג צו באגלייטן די סאלדאטן***

***בילדער קען מען זעהן דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק ארמיי נאציאנאלע גאורד האט געשיקט 20 ענדזשינעיר סאלדאטן פון איינהייטן וואס ספעציעליזירן זיך און שאסיי איבערבוי און פאררעכטונג צו דרום קאראליינע צו העלפן מיט ערהוילונג אין שאטן פון האריקעין העלענע. ווי אויך, 17 שטיקער פון שווערע געצייג, אריינגערעכנט דאמפ טראקס, בעק האויס, פראנט ענד לאודערס און קרעינס, האבן באגלייט די סאלדאטן.

”ניו יארקער פירן דורך זיין א ביישפיל און העלפן אונזערע שכנים אין צייטן פון נויט,” **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די צוגעלייגטע הילפסמיטלען און געניטע שטאב וועלכע ווערן געשיקט צו דרום קאראליינע וועלן העלפן מיט די אויפרוימען און ערהוילונג פון די געגנטער באווירקט דורך האריקעין העלענע, און העלפן פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר די בירגער וועלכע וואוינען דארט. איך באדאנק די דרייסטע ניו יארקער פאר'ן ענטפערן די רוף און איך קוק פאראויס צו זייער זיכערן צוריקער.”

די סאלדאטן זענען געשיקט געווארן אום אקטאבער 3 זענען באשטימט צו די 2024 ענדזשינעיר באטאליאן און זענען באזירט אין די הארסהעדס און קעמפ סמיט טרענירונג ערטער נעבן פיקסיל. די סאלדאטן וועלן באריכטן צו די דרום קאראליינע ארמיי נאציאנאלע גאורד'ס גרייטקייט צענטער אין גרינוויל, דרום קאראליינע.

די ארויסשיקן די סאלדאטן איז די לעצטיגע אין ניו יארק'ס באמיאונגען צו העלפן די דרום געגענט באווירקט דורך האריקעין העלענע. אום סעפטעמבער 26, האט גאווערנער האקול ארויסגעשיקט א שנעלע וואסער רעטונג טיעם און געצייג צו צפון קאראליינע איידער האריקעין העלענע האט באטראפן דעם געגנט. די טיעם איז געשיקט געווארן צו יענסי קאונטי, צפון קאראליינע און איז באשטאנען פון 16 שטאב מיטגלידער, צווייי הינט און עמערזשענסי געצייג צו העלפן באווירקטע געמיינדעס.

אום סעפטעמבער 29, האט גאווערנער האקול באפוילן די ניו יארק נאציאנאלע גאורד צו שיקט 16 סאלדאטן און דריי שווערע הייב העליקאפטערס פון ראטשעסטער צו די דרום קאראליינע ארמיי נאציאנאלע גאורד'ס פלישאפט פאסיליטעט אין גרינוויל. די סאלדאטן האבן אריבערגעפליגן עסנווארג און וואסער אין שטיצע פון צפון קאראליינע'ס הילף באמיאונגען אין די אשוויל געגנט. ביז היינט, האבן זיי אריבערגעפירט 65,000 פונט פון הילף צוגעהערן און 15 עמערדזשענסי שטאב מיטגלידער.

אום סעפטעמבער 30, האט גאווערער האקול געשיקט א 30-מיטגלידער אינצידענט אנפירונג טיעם צו אשוויל, צפון קאראליינע צו העלפן דארט מיט האריקעין העלענע ערהוילונג. די ספעציעליזירטע פילע-אגענטור און לאקאלע רעגירונג טיעם זענען געשיקט געווארן צוצושטעלן אפעראציע שטיצע פאר אנטווארט אקטיוויטעטן.

**אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי קאמיסיאנער דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "ניו יארקער העלפן אייביג זייערע שכנים, און מיר זענען דאנקבאר צו די וואס זענען שוין דארט צו געבן א האנט פאר די וועלכע זענען באווירקט געווארן דורך האריקעין העלענע. די צוגעלייגטע שטיצע וועט געבן נאך הילף פאר די אלע וועמענ'ס לעבנס זענען איבערגעדרייט געווארן דורך די שטורעם און מיר וועלן ווייטער טון אלעס וואס מיר קענען צו העלפן אין די באמיאונגען."

**הויפט גענעראל רעי שיעלדס האט געזאגט,** "אויף די באפעל פון גאווערנער האקול, איז די ניו יארק ארמיי נאציאנאלע גאורד שטאלץ צו ענטפערן א רוף פאר הילף פון די דרום קאראליינע נאציאנאלע גאורד און שיקן אן ארמיי ענדזשינעיר טיעם צוזאמען מיט זייערע שווערע געצייג צו דרום קאראליינע צו העלפן מיט שטורעם ערהוילונג. אונזערע סאלדאטן און לופטמענער זענען אייביג גרייט זיך אפצורופן ווען נויטיג, סיי איבער'ן וואסער אדער דא אינדערהיים און היינט האבן אונזערע סאלדאטן ווידער געצייגט אז מיר זענען 'אייביג גרייט, אייביג דארט.' איך בין זייער דאנקבאר פאר די מענער און פרויען פון די ניו יארק נאציאנאלע גאורד."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן